# יחיד און יחידה

געווידמעט א. סוצקעווער צו זיין יובל.

## א.

אין אַ היכל ווו ס׳וואַרטן נשמות אָנגעברייטע אַראָפּצונידערן אין שאול, אָדער ווי אַנדערע רופן עס: ערד, האָט געהויערט אַ נשמה פון ווייבערשן מין, יחידה. יחידה האָט געהאַט געזינדיקט אין דעם עולם ווּהין זי איז אַראָפּגעקומען פון כסא הכבוד. נשמות פאַרגעסן דעם שורש. פורה, דער מלאך פון שיכחה, געוועלטיקט אומעטום אויסערן אין־סוף. פורה איז צימצום, הסתר פנים. יחידה האָט גע־מאַכט סקאַנדאַלן, חושד געווען יעדע מלאכטע אַז זי האָט עסקים מיט איר געליבטן, יחיד, געלעסטערט גאָט, אַפילו געלייקנט אין אים. ס׳איז אויסגעקומען לויט איר גרייזיקער השגה, אַז די נשמות ווערן נישט באַשאַפן מיט אַ תכלית, נאָר קומען אויף פון זיך אַליין, אָן אַ זינען און אַ צוועק, און ס׳איז לית־דין ולית־דיין. די שופטים אין יענע מקומות פאַרלענגערן דעם צאָרן און זענען דן לכף זכות, אָבער ס׳איז געקומען צו אַ מישפט און מ׳האָט יחידהן פאַרמישפט צום טויט, דאָס הייסט: אַראָפּצוזינקען צו דעם פלאַנעטל ערד.

יחידהס מליץ האָט אַפּעלירט צום בית־דין־של־מעלה און אַפילו צו מט״ט שר־הפנים, אָבער די יחידה האָט זיך געהאַט אַזוי פאַר־פלעקט, אַז קיינער האָט זי נישט געקאָנט באַשירעמען. מ׳האָט יחידהן אָפּגעשיידט פון יחידן, מ׳האָט איר אָפּגעהאַקט די פליגל, אָפּגעשוירן די האָר און מ׳האָט איר אָנגעטאָן אַ לאַנג מלבוש, די תכריכים פון יענע וואָס ווערן פאַרלענדט. מ׳האָט זי מער נישט געשפּייזט מיט הימלישער מוזיק, מיט גן־עדן־ריחות, מיט סודות התורה, מיט דער לויטערקייט פון דער שכינה. זי האָט זיך מער נישט געבאָדן

אין קוואַלן פון באַלזאַם. אין תּפֿיסה־קעמערל האָט שוין בייצייטנס געהערשט די פֿינצטערניש פון עולם־התּחתּון. ערגער פון אַלץ האָט געמאַטערט די בענקשאַפֿט נאָך יחידן. יחידה האָט זיך מער נישט געקאָנט פאַרבינדן מיט אים טעלעפּאַטיש. מ׳האָט איבערגעריסן איר קלאַרוואָיאַנטישע קאָמוניקאַציע, מ׳האָט איר צוגענומען די יונג־געזעלן און יונגעזעלינס וואָס האָבן זי באַדינט. ס׳איז יחידהן גאָרנישט פאַרבליבן אַחוץ די פאָרכט פאַרן טויט.

וואָס אמת, דער טויט איז אַן אָפּטער גאַסט אין דעם עולם ווו זי האָט זיך אויפגעהאַלטן. אָבער ס׳האָט געטראָפן ס׳רוב מיט נשמות נידעריקע, פאַרלאַנגווייליקטע, אָן ליבשאַפֿט. געוויי וואָס ס׳געשעט מיט אַ טויטער נשמה האָט יחידה נישט געוווּסט. זי האָט אויך נישט געוואָלט וויסן. ווען אַ נשמה איז אויסגעגאַנגען, האָט זי זיך אַזוי גוט ווי אויסגעלאָשן, הגם ס׳איז געווען אַ מיינונג אַז אַ פונק חיות בלייבט אין איר. זי האָט גלייך אָנגעהויבן פוילן און איז באַוואַקסן געוואָרן מיט שליים. אַ באַגרעבער האָט זי אַריינגעלייגט אין אַ קבר וואָס הייסט: טראַכט. דאָרט איז זי געוואָרן אַ פונגוס, אַ פּאַראַזיט, וואָס האָט געטראָגן דעם אומהיימלעכן נאָמען: קינד. שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די פּיין פון גיהנום: געבורט, וווּקס, אַרבעט. לויט ווי די מוסר־ספֿרים האָבן געשריבן, איז דער טויט ווייט נישט די לעצטע סטאַדיע. די נשמה לייטערט זיך אויס און קערט זיך אום צוריק צום שורש. זי שטייגט נאָך העכער. אָבער פון וואַנען האָבן די מוסר־ספֿרים דאָס געשעפּט? אויף ווי ווייט יחידה האָט זיך אָריענטירט איז קיינער פון דער ערד ביז איצט נישט צוריקגעקומען. די אויפגעקלערטע יחידה האָט געהאַלטן אַז אַ נשמה פוילט אַ שטיקל צייט און ווערט דערנאָך גאָרנישט, צעגאַנגען אין אַ פינצטערניש וואָס ס׳איז נישטאָ פון איר קיין אומקער.

איצט האָט יחידה געמוזט אַוועק אַהין. יעדע מינוט האָט זיך געקאָנט באַווייזן דומה, דער מלאך המוות, מיט דער פייערדיקער שווערד און מיט די טויזנט אויגן.

פריער האָט יחידה געווײנט טעג, נעכט, וואָכן. דערנאָך זענען די טרערן געוואָרן אויסגעטריקנט. די טראַכטענישן וועגן יחידן האָבן נישט אויפגעהערט נישט אויף דער וואַך, נישט אין שלאָף. ווו איז ער? יחידה האָט וויל באַנומען אַז אײביק וועט ער נאָך איר נישט טרויערן. די היכלות זענען פול מיט שײנע יונגפרויען, מלאכטעס, שרפטעס, כרובים, אראלים, חיות־הקודש, יעדע מיט איר חן, מיט איר לוסט, מיט איר פאַרפירערישקייט. ווי לאַנג קאָן אַזאַ יחיד צוימען די פאַרלאַנגען? יחיד איז ווי זי, יחידה, אַן אומגלייביקער. דאָס האָט ער זי געלערנט אַז דער גײסט איז נישט געוואָרן באַשאַפן, נאָר האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ נאַטירלעכן פּראָצעס וואָס ער האָט גערופן עוואָלוציע. יחיד האָט נישט אָנערקענט קיין פרייען ווילן, קיין מיצוות און עבירות. וואָס קאָן אים אָפּהאַלטן? ער ליגט שוין אַוודאי אין דער שויס פון עפּעס אַ באַפליגלטער נקבה און ער דערציילט וועגן איר, יחידהן, ווי ער האָט זיך פריער באַרימט פאַר איר וועגן אַנדערע.

נו, אָבער וואָס זאָל זי טאָן? וואָס קאָן זי טאָן? אין דעם קעמערל וואָס זי האָט זיך איצט געפונען זענען פאַרשטאָפּט אַלע צינורות. ס'האָט דאָ נישט אַראָפּגענידערט קיין שום גענאָד, קיין שום שפע, קיין שום שײנקייט. ס'האָט דאָ געהערשט דער מידת־הדין. פון דאַנען האָט געפירט איין וועג: אַראָפּ צו דער ערד, צו גשמיות, קעלט, פינצטערניש, און צו די פּחדים וואָס טראָגן דעם נאָמען גוף, פלייש, בלוט, מאַרך, נערוון, אָטעם און נאָך אַזוינע אומווערדיקייטן, וואָס פון דעם בלויזן טראַכטן דערפון ווערט די נשמה פאַרגליווערט. צוואָר, די פרומע האָבן צוגעזאָגט תחית־המתים, די נשמה, האָבן זיי געלערנט, בלייבט נישט אײביק שמאַכטן אויף דער ערד. נאָך דעם ווי זי קומט איבער די ערדישע שטראָף, גייט זי צוריק אויף פון וואַנען זי איז געקומען. אָבער יחידה, די ווילגעלערנטע, האָט דאָס געהאַלטן פאַר אייטל אָבערגלויבן. ווי קאָן אַ נשמה זיך אומקערן נאָך דעם ווי זי איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין דעם פוילעכץ וואָס מ'רופט לייב? תחית־המתים

איז נישט מער ווי אַ ווונטש, וויסנשאַפטלעך נישט אויסגעהאַלטן, אַ פוסטע טרייסט פאַר נשמות פרימיטיווע, שרעקעדיקע... מיטן איי־גענעם ווילן איז נאָך קיינער צו דעם בית־עולם ערד נישט אַראָפּ, אַחוץ אַ פּאָר האַלב־משוגענע זעלבסטמערדער.

ב.

אין איינער אַ נאַכט ווען יחידה איז געלעגן אין אַ ווינקל און זיך געגריבלט וועגן יחידן און די פאַרגעניגנס וואָס ער האָט איר אָנגעטאָן — די קושענישן, די צערטלעכקייט, די סודות וואָס ער האָט איר איינגערוימט אין אויער, די אַלערליי שפּילערייען וואָס ער האָט זי אויסגעלערנט — האָט זיך באַוויזן דער מלאך־המוות, גענוי ווי די מוסר־ספרים האָבן אים געשילדערט: מיט אַ פייער־דיקער שווערד און פול מיט אויגן. ער האָט אַ זאָג געטאָן צו יחידהן:

— שוועסטער, דיין צייט איז געקומען.

— איז נישטאָ קיין שום אָפּבעטעניש?

— פון דאַנען איז נאָך קיינער נישט אַרויס גאַנץ — האָט דער מלאך־המוות געענטפערט.

— נו, טו דאָס דייניקע.

— זיי זיך מתוודה, יחידה. תשובה העלפט אַפילו איצט.

— וואָס קאָן עס מיר העלפן אויב איך זינק אַראָפּ צו דער ערד? ניין, כ׳האָב אויף גאָרנישט קיין חרטה. אויב כ׳באַדויער עפּעס איז עס וואָס כ׳האָב נישט מער געזינדיקט — האָט יחידה גערעדט אַ ווידערשפעניקע.

— שוועסטער מיינע, כ׳וויס אַז דו צאָרנסט אויף מיר. אָבער וואָס איז דאָס מיין שולד? כ׳האָב זיך אַליין פאַר קיין מלאך־המוות נישט געמאַכט. איך שטאַם פון אַ הויכן עולם און דאָרט האָב איך געזינדיקט גלייך ווי דו דאָ, און מ׳האָט מיך אַראָפּגעשיקט אַהער ווערן אַ מלאך־המוות. ס׳איז מיר אַזוי ליב צו שעכטן ווי דיר אומ־צוקומען. אָבער עפּעס האָב איך געלערנט פון מיין מלאכה. זיי וויסן אַז דער טויט איז נישט אַזוי גרויליק ווי דו מאָלסט דיר אויס.

צוואָר, דאָס אַראָפּפאַלן צו דער ערד און דאָס אַריין אין דער טראַכט איז נישט לייכט. אָבער די ניין חדשים וואָס מ׳הויזט דאָרט זענען גאָרנישט אַזוי ביטער. ווערסט אַלץ פאַרגעסן, גאָרנישט געדענקען. דאָס אַרויסקומען פון דער טראַכט און דאָס אָנהייבן דעם צווייטן סעמעסטער פון טויט איז שווערלעך, אָבער די קינדהייט איז אַ גוטער פּעריאָד. דער קערפּער איז פריש און נאָכגיביק. דו געפינסט אַלע זיינע שוואַכקייטן. דו לערנסט תורה פון טויט. דו געוויינסט זיך צו צום גוף און זיינע אייטלקייטן. דו ווערסט צו אים אַזוי צוגעבונדן, אַז ער ווערט דיר טייער. נאָך אַ וויילע מיינסטו אַז טויט איז לעבן. ס׳דערגייט דערצו אַז דו הייבסט דיך אָן שרעקן פאַר דעם טאָג ווען דער טויט וועט אויפהערן...

יחידה האָט אים איבערגעריסן.

— הרגע מיך אויב דו מוזט, נאָר איך וויל נישט הערן דיינע צינישע טרייסטווערטער.

— כ׳זאָג דעם אמת. דער טויט דויערט נישט מער ווי אַ פּאָר צענדליק יאָר. בלויז די ערגסטע רשעים בלייבן טויט הונדערט יאָר. דער טויט איז נישט מער ווי אַ צוגרייטונג צו אַ ניי לעבן, אַ פרישן אָנהייב.

— כ׳בעט דיך, מאַך אַן עק צו די דאָזיקע מליצות!

— כ׳וויל זאָלסט וויסן נאָך עפּעס: ס׳איז פאַראַן בחירה דאָרט אויך.

— וואָסער בחירה? באמת, אַזוינע נאַרישקייטן פּאַסן נישט אַפילו פאַר אַ פאַרשוין פון דיין סאָרט.

— ס׳איז דאָרט דאָ בחירה. אין די גרוילן פון טויט, אין סאַמע טיפעניש פון שאול זענען פאַראַן געזעצן, פּראָצעסן, אָפּקלויבן. לויט ווי מ׳פירט זיך טויטערהייט, אַזוי קומט מען צוריק צום נייעם לעבן. דער טויט איז אַ וואַרשטאַט פאַר דער רעהאַביליטאַציע פון נשמות. ווער ס׳פאַרשטייט דאָס, הערט אויף זיך צו שרעקן פאַר אים.

— כ׳בעט דיך, פאַרענדיק מיך.

— אייל מיך נישט. האָסט נאָך אַ פּאָר מינוט צו לעבן און כ׳מוז דיר געבן די אינסטרוקציעס וואָס זענען דיר נייטיק. זיי וויסן אַז אויף דער ערד זענען אויך פאַראַן מיצוות און עבירות. די גרעסטע עבירה איז עמעצן צוריק לעבעדיק מאַכן.

אין איר גאַנצער באַדרענגעניש האָט יחידה זיך צעלאַכט.

— ווי קאָן איין טויטער לעבעדיק מאַכן דעם אַנדערן?

— ס׳איז לייכט. דער קערפּער איז פון אַזאַ שטאָף, אַז פון אַ ריר צעפאַלט ער זיך. דיר דוכט זיך אַז תחית־המתים איז אומ־מעגלעך. אין אמתן איז עס די לייכטסטע זאַך. דער טויט איז ווי שפּינוועבס. פון דעם מינדסטן ווינטל צעפליט ער. אָבער מ׳טאָר נישט לעבעדיק מאַכן נישט יענעם און אַפילו נישט זיך אַליין. מ׳טאָר זיך נישט פאַרקירצן דעם טויט ווייל דאָס ברענגט נייע שטראָפן און נייע טויטן. נישט בלויז טאָר מען נישט יענעם לעבע־דיק מאַכן מיט אַ מאָל, נאָר מ׳טאָר נישט טאָן קיין מעשים, רעדן ווערטער און טראַכטן געדאַנקען וואָס פירן ביסלעכווייז צו דער פאַרלענדונג פון טויט. גלייך ווי מ׳מוז דאָ היטן דאָס לעבן, אַזוי דאַרף מען דאָרט היטן דעם טויט.

— ליגנס! פאַנטאַזיעס! אויסטראַכטענישן פון אַ מלאך־המוות.

— ס׳איז אמת. ס׳איז דאָרט פאַראַן אַ תורה און זי איז געבויט אויף איין כלל: יענעמס טויט דאַרף דיר זיין אַזוי טייער ווי דיין אייגענער. געדענק די דאָזיקע ווערטער. זיי וועלן דיר צו נוץ קומען אין טאָל פון טויט.

— כ׳קאָן מער נישט הערן די דאָזיקע שקרים!

און יחידה האָט פאַרשטאָפּט די אויערן.

— קום שוועסטער...

ג.

יאָרן זענען אַריבער. מ׳האָט שוין יחידהן געהאַט פאַרגעסן אין דעם עולם וווּ זי האָט געלעבט. אָבער ס׳איז נאָך געבליבן דאָרט אַ מוטער און זי האָט געצונדן יאָרצייטליכט נאָך דער טאָכטער.

דאָ אויף דער ערד האָט יחידה געהאַט אַן אַנדערע מוטער — אַ טויטע מוטער, ווי אויך אַ טויטן פאָטער, טויטע ברידער, טויטע שוועסטער. זי האָט געהאַט שטודירט אין מיטלשול פאַר עצמות־יבשות און גענומען קורסן אין אַ הויכשול מיט ווילקלינגענדיקן נאָמען ריגאָר מאָרטיס. זי האָט זיך געפונען אין אַ גרויסער מתים־שטאָט, דער יאַריד, וווּ מ׳גרייט צו די טויטע פאַר אַלערליי בית־עולמדיקע פונקציעס.

ס׳איז געווען אין פרילינג ווען דאָס פוילעכץ אויף דער ערד צעבליט זיך אין דער גאַנצער קרעציקייט. פון די קברים, די געדענקביימער, די טהרה־וואַסערן איז אויפגעגאַנגען אַ געשטאַנק. מיליאַסן נפשות וואָס אין ווינטער האָבן זיי נאָך געלעבט, זענען איצט אַרויס אין די געמאַרקן פון צלמות, אָנגעטאָן גופים, געוואָרן פליגן, בלומען, שמעטערלינגען, ווערעם, יעדער לויט זיין מאָס פון זינד און שטראָף. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט די קולות, ריחות און שאָרכענישן וואָס גיבן איבער די ראַנגלענישן פון גסיסה. אָבער מחמת יחידה איז שוין געהאַט אַריינגעוואַקסן אין די הבל־הבלים פון טויט, איז איר פאָרגעקומען אַז די אַלע פגרים לעבן. זי איז געזעסן אויף אַ באַנק אין אַ פאַרק און געקוקט אויף דער לבנה — אַ נר־תמיד אין אַ טויטן־שאַרבן וואָס באַלייכט אַ קאַפעלע דאָס ערדישע חשכות. ווי אַלע בר־מינגס פון ווייבערישן מין, האָט יחידה געלעכצט צו פאַראייביקן דעם טויט, צו שענקען די טראַכט פאַר אַ קבר פון נייע געשטאָרבענע. אָבער דערצו דאַרף מען אַ מת פון מאַנסבילשן מין. צו באַהעפטן זיך מיט אים איז נייטיק די שינאה וואָס די טויטע רופן אויף סגי־נהור־לשון: ליבע.

אַזוי ווי יחידה איז געזעסן אויף דער באַנק און געקוקט צו די אויגנלעכער און צו דעם נאָזלאָך פון לבנהדיקן טויטנקאָפ, האָט זיך צוגעזעצט אויף דעם אַנדערן עק באַנק אַ מת אין ווייסע תכריכים, אין אַ הויב פון שטרוי און אין שיך צונויפגעשטעפט פון דער פעל פון אַ קאַלב. אַ ווייל האָבן די צוויי מתים געגלאָצט אויף זיך אין דער טונקלקייט — אַ קוקעניש פון אויגן וואָס ס׳דוכט

זיך זיי, אַז זיי זעען בעת אין דער אמתן זענען זיי שטאָק בלינד. דערנאָך האָט דער מאַנסבילשער מת געפרעגט:

— זייט מיר מוחל, פריילין, איר ווייסט אפשר ווי שפּעט ס'איז?

אויפן בית־עולם מעסט מען כסדר די צייט, ווייל טיף אין זיין וועזן האָפט יעדער מת די פּאָר יאָר זאָלן וואָס גיכער אַריבער און ער זאָל אָפּקומען די שטראָף. אָבער זיי ווייסן נישט דערפון. זיי קומט פאָר פאַרקערט, אַז יעדע מינוט וואָס גייט פאַרביי איז זיי אַ שאָד.

יהידה האָט אַ ציטער געטאָן.

— ווי שפּעט? אַ סעקונדע!

זי האָט געטראָגן איבערן האַנטגעלענק אַן אינסטרומענט אַזאַ וואָס מעסט צייט און טיילט זי פונאַנדער אין אַלערליי חלקים, אָבער די ציפערן זענען געווען אַזוינע קליינע און די שיין אַזאַ טונקעלע אַז זי האָט נישט געקאָנט אונטערשיידן צווישן איין ציפער און דעם אַנדערן. דערזען אַז זי מאַטערט זיך אים צו זאָגן די ריכטיקע צייט, האָט דער מאַנסבילשער מת זיך קליגעריש צוגערוקט צו איר און פאָרגעשלאָגן:

— מעג איך טאָן אַ קוק? איך האָב אַ גוטע ראיה.

— יאָ, אויב איר ווילט.

אויפן בית־עולם טוט מען קיין שום זאַך נישט אויפריכטיק. דאָרט מוז מען אויף אַלץ האָבן אַן אויסרייד און אַ דריידל. נישט אומזיסט רופט מען די ערד: דער עולם השקר. דער מאַנסבילשער בר־מנן האָט אָנגענומען יהידהס האַנט און צוגעבויגן דאָס פּנים צום ציפערבלאַט. ס'איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל ווי אַ מאַנס־פּערשוין האָט אָנגערירט איר האַנט, אָבער עפּעס איז געווען אין דעם האַנטבאַריר פון דעם דאָזיקן ניפטר וואָס האָט אַרויסגערופן אַ ציטערניש אין אירע גלידער. ער האָט געגאַפט לאַנג און זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן. צום סוף האָט ער זיך אָנגערופן:

— דוכט זיך ס'איז צען מינוט נאָך צען.

— אַזוי שפּעט שוין? נו, אַ דאַנק.

— מעג איך זיך פאָרשטעלן ? מיין נאָמען איז יחיד.

— יחיד ? איך הייס יחידה !

— וואָס פאַר אַן אויסטערלישער צופאַל !

אַ לאַנגע ווייל האָבן ביידע געשוויגן און זיך צוגעהערט צום טויט אין זייער בלוט. דערנאָך האָט יחיד געזאָגט :

— ווי הערלעך די נאַכט איז !

— יאָ, פּרעכטיק.

— ס'איז דאָ עפּעס אין פרילינג וואָס מען קאָן נישט איבער־געבן מיט קיין ווערטער.

— מ'קאָן קיין זאַך נישט איבערגעבן אין קיין ווערטער — האָט יחידה געענטפערט.

אַזוי ווי זי האָט דאָס געזאָגט האָבן ביידע געוווּסט אַז זיי זענען אַנגעברייט זיך צו פאָרן און צוצוברייטן אַ קבר פאַר אַ נייעם מת. וואָרעם ווי טויט די טויטע זאָלן נישט זיין, בלייבט אין זיי אַ רעשטל לעבן, אַ שפּור פון יענעם וויסן וואָס פּילט אָן אַלע עולמות און מאַכט קיין מאָל נישט קיין טעות. דער טויט איז נישט מער ווי אַ מאַסקע, אַ פאַרבלענדעניש, אַן אויסדוכטעניש. הינטער זיינע שקרים לויערט אַלע מאָל דער אמת. די חכמים האָבן פאַרגליכן דעם טויט צו אַ זייפנבלאָז וואָס דויערט אַ מינוט און מיט אַ שטרוי־עלע קאָן מען אים אויפשטעכן. נו, אָבער די טויטע זענען שטאָלץ און שעמעוודיק. די טויטע שעמען זיך מיטן טויט און דעריבער מוזן זיי אַלץ פאַרבאַרגן מיט הינטערליסטיקייט און רייד. וואָס טויטער אַ מת, אַלץ באַרעדעוודיקער איז ער.

— מעג איך פרעגן ווו איר וווינט ? — האָט יחיד געפרעגט.

ווו האָב איך אים געזען ? פון וואַנען קאָן איך אים ? פאַר וואָס איז מיר זיין קול אַזוי קענטלעך ? — האָט יחידה געטראַכט. — און פאַר וואָס הייסט ער עפּעס יחיד ? דאָס איז אַ זעלטענער נאָמען. געזאָגט האָט זי :

— דאָ נישט ווייט.

— האָט איר עפּעס קעגן דעם איך זאָל אייך צופירן אַהיים ?

— ס'איז נישט נייטיק. אַ דאַנק. נאָר אויב איר ווילט...

— יאָ. ס'איז נאָך פרי פאַר מיר צו גיין שלאָפן.

יחיד איז אויפגעשטאַנען. יחידה האָט זיך אויפגעשטעלט. איז דאָס דער באַשערטער וואָס נאָך אים בענק איך זינט איך האָב זיך אויף די פיס געשטעלט? — האָט יחידה געפרעגט. — קאָן דאָס זיין אַז דער גורל האָט אים צוגעשיקט גראָד איצט אויף אַזאַ שטייגער? אָבער וואָס איז גורל? דער פּראָפעסאָר האָט דאָך ערשט נעכטן געפּריידיקט אַז ס'איז נישטאָ קיין גורל, קיין באַשערטקייט. ס'איז גאָרנישט פאַראַן אַחוץ אַטאָמען און זייערע קאָמבינאַציעס. דער גאַנצער אוניווערס איז דאָך נישט מער ווי אַ פיזיש־כעמישער פּראָצעס, אַ פּראָדוקט פון אַ קאָסמישן אויפרייס. אַ דראָשקע איז פאַרבייגעפאָרן און יחידה האָט געהערט ווי יחיד זאָגט:

— כ'בין נישט דרייסט, נאָר אפשר וואָלט איר געוואָלט פאָרן מיט מיר אין אַ דראָשקע?

—פאָרן ווו?

— גלאַט אַזוי שפּאַצירן. אין די אַלעען.

אָנשטאָט זיך אָנצובייזערן אויף אים, ווי זי האָט בדעה געהאַט, האָט יחידה אַ זאָג געטאָן:

— צו וואָס? ס'איז אַ שאָד אייער געלט.

— וואָס איז געלט? ווי לאַנג מ'לעבט דאַרף מען געניסן.

די דראָשקע איז צוגעפאָרן און ביידע זענען איינגעזעסן. יחידה האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז זי דאַרף נישט פאָרן מיט דעם פרעמדן בחור גלייך ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט. וואָס וועט ער טראַכטן וועגן איר? ער וועט מיינען אַז זי איז עפּעס אַ הור וואָס גייט מיט יעדן זכר. זי האָט אים געוואָלט אויפקלערן, אַז זי איז פון דער נאַטור אַ צוריקגעהאַלטענע, דער היפּוך דערפון וואָס זי וויזט אים אויס, אָבער זי האָט דערביי באַנומען אַז זי קאָן איר קאָמפּראָמיטאַציע שוין נישט אָפּווישן. זי איז געזעסן אַ שווייגנדיקע און זיך צוגעהערט צו דער אייגענער שטוינונג. אַן אומבאַקאַנטע נאָענטקייט האָט געהויכט פון אים צו איר. זי האָט כמעט געלייענט

זיינע געדאַנקען. זי האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג די נאַכט זאָל אייביק דויערן און זי זאָל כסדר אַזוי פאָרן מיט אים. איז דאָס ליבע? — האָט זי געפאָרשט. — קאָן מען זיך וואָרהאַפטיק פאַרליבן אַזוי גיך? נו, און בין איך גליקלעך? — האָט זי זיך געפרעגט. אָבער פון אינעווייניק איז נישט געקומען קיין ענטפער. די טויטע זענען קיין מאָל נישט גליקלעך. די טויטע זענען אַלע מאָל מרה־שחורהדיק, אַפילו ווען זיי טאַנצן. נאָך אַ ווייל האָט יחידה זיך אָנגערופן:

— כ׳האָב אַ מאָדנע געפיל, אַז כ׳האָב שוין דאָס אַלץ דורכגעלעבט.

— די פסיכאָלאָגיע האָט אַ נאָמען דערפאַר: דעיזשאַ ווי.

— אפשר איז פאַראַן דערין עפּעס אַן אמת?

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— אפשר האָבן מיר זיך געקענט אויף אַן אַנדער וועלט?

יחידה האָט געטאָן אַ לאַך.

—אויף וואָס פאַר אַ וועלט? ס׳איז דאָ בלויז איין וועלט, אונדזער ערד.

— אפשר זענען פאַראַן נשמות?

— אַבסאָלוט נישט. דאָס וואָס מען רופט נשמה איז נישט מער ווי דער סך־הכל פון דער מענטשלעכער פיזיאָלאָגיע. איך ווייס. כ׳בין אַ סטודענט פון מעדיצין.

ער האָט זי פּלוצלונג אַרומגענומען ביי דער טאַליע און ווי וויל יחידה האָט קיין מאָל אַזאַ היימישקייט נישט דערלויבט קיין שום מאַנסביל, אַפילו נישט אירע יוגנט־חברים, האָט זי עפּעס זיך נישט געקאָנט פון אים אַרויסרייסן, אָדער אַפילו אים בעטן ער זאָל אַראָפּנעמען די האַנט. זי איז געזעסן אַ באַנומענע, געפלעפט פון דער אייגענער נאָכגיביקייט, דערשראָקן פאַר דער חרטה און דער פאַרשעמונג וואָס די דאָזיקע נאַכט וועט ברענגען נאָך זיך. כ׳האָב איך גאַנצן נישט קיין כאַראַקטער, האָט זי זיך פאָרגעוואָרפן. כ׳טו אַליין דאָס וואָס איך פאַרמיאוס אין אַנדערע. כ׳בין אַ ליגנעריק, אַ היפּאָקריטין. איינס איז ער גערעכט: אויב קיין נשמה

איז נישטאָ און דאָס לעבן איז נישט מער ווי אַ קורצער עפּיזאָד אין אַן אייביקייט פון טויט, — פאַר וואָס נישט געניסן ? אויב ס׳איז נישטאָ קיין נשמה, איז אויך נישטאָ קיין גאָט, קיין תורה, קיין בחירה. די גאַנצע מאָראַל איז נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון דער עקאָנאָמיע. ווי רופן זיי דאָס ? אַן אידעאָלאָגיש איבערגעבוי...

יחידה האָט צוגעשלאָסן די אויגן, אָנגעלענט דעם קאָפּ אָן דעם ווענטל פון דראָשקע. דאָס פערד איז געגאַנגען טריט ביי טריט. אין דער נאַכט האָט יעדער מת — מענטש אָדער חיה — געיאָמערט אויף זיין טויט: ווער מיט אַ געלעכטער און ווער מיט אַ זיפץ; ווער מיט אַ גרילץ און ווער מיט אַ צוויטשער. אַ צאָל סקעלעטן האָבן זיך געהאַט אָנגעשיכורט מיט אַ געטראַנק אַזאַ וואָס מאַכט פאַרגעסן אויף אַ וויילע די מאַטערנישן פון גיהנום. יחידה האָט זיך אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין זיך. אַ שטילקייט האָט זי אַרומגענומען און אַ פאַרגליווערטקייט. זי האָט געטאָן אַ קורצן דרימל. באַלד האָט זי געגעבן אַ צאַפּל, זיך איבערגעוועקט. ווען די טויטע שלאָפן, פאַרבינדן זיי זיך צוריק מיטן לעבן. ס׳הערט אויף די אויסדוכ־טעניש פון צייט און רוים, סיבה און פאָלגן, צאָל און פאַרהעלטע־ניש. אין חלום איז יחידה ווידער אויפגעגאַנגען אין דעם עולם פון וואַנען זי האָט געשטאַמט. זי האָט געזען די מוטער, די חברטעס, די לערער. יחיד האָט, אַ פּנים, אויך געהאַט איינגעדרימלט ווייל ער האָט זיך דאָרט אויך געפונען.ביידע האָבן זיך דערקענט, זיך אַרומגענומען, געלאַכט און געוויינט פאַר פרייד. אין דער מינוט האָבן ביידע דערקענט דעם אמת: אַז דער טויט אויף דער ערד איז צייטווייליק, אַן אילוזיע, אַ נסיון און אַ לייטער פאַרן וויטערן אויפשטייג, פאַר ריינערער ליבשאַפט. די יונגע פּאָר זענען פאַרביי פּאַלאַצן, גערטנער, אינדזלען פאַר הימלישע פייגל, וועלדער פאַר געטלעכע חיות, אָאַזיסן פאַר רעקאָנוואַלעסצירנדיקע נשמות. נייך, אונדזער צוזאַמענטרעף איז נישט קיין צופאַל, האָט יחידה גערעדט. ס׳איז דאָ אַ גאָט, ס׳איז דאָ אַ צוועק אין באַשאַף, ס׳איז דאָ זיווג, ייחוד, בחירה. יחיד און יחידה זענען פאַרביי אַ תפיסה, אַריינגע־

קוקט אין פענצטער. ס'איז דאָרט געזעסן אַ נשמה פאַרמישפּט אַראָפּ־צונידערן אויף דער ערד. יחידה האָט געוווּסט אַז זי וועט זיין איר טאָכטער. שוין ביים אויפכאַפּן זיך האָט יחידה פאַרנומען אַ קול:

— דאָס קבר און דער קברן האָבן זיך געפונען. די קבורה וועט צו שטאַנד קומען היינט ביי נאַכט.